# פרשת ויקהל-פקודי

**בס"ד. משיחת יום ג' פ' ויקהל-פקודי, כ"ג אדר ה'תש"נ**

**– להמשתתפים בקרן לטובת "מחנה ישראל" –**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

וואס די פרשה פון היינטיקע וואך, איז דאך דאס די פרשה פון ויקהל-פקודי,

וואס אין דערויף איז דא א ריבוי – זייער א סך – אנווייזונגען אויך אין טאג טעגלעכן לעבן פון יעדער אידן,

און זיי אלע ווערן אויך קאנצענטרירט אין די נעמען פון די פרשיות, וואס דער נאמען איז אן איין און איינציקע פרשה, וואס דערפאר לייענט מען דאס אין דעם זעלבן שבת פון אנהויבס ביזן סוף, און ס'הויבט זיך אן מיטן ערשטן פסוק פון "ויקהל" און ענדיקט זיך מיטן לעצטן פסוק פון "פקודי",

וואס "ויקהל" איז דאך דער איינפאכער אפטייטש: אז מ'קלייבט צוזאמען, און ווי דער פסוק איז דערנאך ממשיך: מ'קלייבט צוזאמען אלע אידן ווי ס'איז געווען אין יענעם דור, אין דור פון משה רבינו,

און אזוי האבן דאס אויך איבערגעגעבן די תלמידים פון משה רבינו, ביז אנשי כנסת הגדולה, און דערנאך די וואס זיינען ממשיך תורה און מפיץ תורה אין דעם גאנצן דור – האבן זיי דאס איבערגעגעבן, אז אלע אידן דארף זיך פאראייניקן צווישן זיך, ביז וואנענט אז ס'וועט זיין ווי איין און איינציקע משפחה.

און מ'זאל ניט מורא-האבן, אז דורך דערויף וואס מ'מישט זיך צוזאמען מיט מערערע מענטשן, ווערט פארלארן די חשיבות און די שטארקייט פון יעדערן פאר-זיך אלס א יחיד –

זאגט מען גלייך, אז "ויקהל" גייט צוזאמען מיט "פקודי", וואס "פקודי" איז דער טייטש דער ציילונג, ווי דערציילט אין חומש באריכות, וואס ציילן ציילט מען דאך יעדערן באזונדער,

און דאס קומט נאך "ויקהל": אז נאך דערויף ווי אלע אידן קלייבן זיך צוזאמען, און טוען אלע צוזאמען די זעלבע זאך בכלל, ובפרט דער לימוד התורה און קיום המצוות און פארשפרייטן אידישקייט - גייט ניט חס-ושלום פארלארן אויך די השתדלות – די ארבעט – פון יעדער מענטשן און יעדער אידן אלס א יחיד: סיי דער מאן און סיי די פרוי און סיי די קינדער און סיי די זיידעס און סיי די באבעס און סיי די אייניקלעך, ביז גאר קליינע קינדער, און ביז גאר אלטע מענטשן – האט יעדערער די גרעסטע וויכטיקייט אלס א יחיד, אלס אן איין און איינציקע פערזאן,

עד כדי כך, אז ווי דער רמב"ם, [וואס ער איז געווען דער "מורה הנבוכים", דער אנווייזער פון די וועג



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקהל-פקודי

ווי אזוי מ׳דארף זיך פירן אין דער וועלט] -

האט ער אויך געזאגט און אפגע׳פסק׳נט אלס א דין און א הלכה אין תורה, אז איין און איינציקע מעשה, איין און איינציקע "דיד", וואס ווערט געטאן דורך איין און איינציקן מענטשן, אפילו ווען דאס רעדט זיך וועגן א מאן אדער א פרוי אדער וועגן א קינד - האט אין זיך אט די מעגלעכקייט און די תועלת, אז דורך איין און איינציקע "דיד" – קען מען מכריע-זיין דעם גאנצן משקולת, אלע זאכן וואס געפינען זיך אויפן וואגשאל,

און ווי ער ברענגט אויך אויף דערויף די דוגמא, אז דאס איז פונקט ווי מ׳האט אין א "באלאנס" וואס מ׳מאכט אין א מסחר, איז דערנאך בשעת מ׳פרעגט צי דער "באלאנס" איז א גוטער - גיט מען א קוק דעם סך-הכל,

און (מ׳הויבט-אן) אפילו אז מ׳הויבט-אן, אז ס׳איז מערניט [ווי] מיט איין און איינציקע "יוניט" מערער ניט אויף דער רויטער זייט ווי אויף דער רויטער זייט - איז דורך די איין און איינציקע וואס ער האט מערער אין צד הימין, נוצט ער דאס, אויס אז דאס זאל מכריע-זיין - איבערוועגן - די אלע ענינים וואס געפינען זיך פוןביידע זייטן פון דער וואגשאל,

און אויך די וואס געפינען זיך פון דער לינקער זייט - זיינען מכריע און העלפן-ארויס צו די וואס געפינען זיך צו דער רעכטער זייט, און זיי ווערן אויך א טייל (פון דעם גוטן) פון דער גוטער טייל,

ווי מ׳זעט דאך אויך אין מסחר, אז אן אמת׳ער סוחר, האט אין זיך דעם שכל, ובפרט נאך (אז ער האט) אז ער איז שוין מערערע יארן אלס א סוחר, און האט געהאט אין דערויף הצלחה - האט ער אויך אין זיך דעם כח השכל אויף אויסנוצן דאס אין מסחר, אז אפילו אט די זאכן וואס ס׳ווייזט זיך אויס, אז לכאורה איז דאס א נעגאטיווע ערשיינונג און דאס קען אים שאטן אין מסחר - נוצט ער דאס אויס, אויך דאס וואס ס׳ווייזט זיך אויס א צווייטן, אז דאס איז א נעגאטיווע ערשיינונג - נוצט ער דאס אויך אויס אין דער פאזיטיווער זייט, אז דאס זאל אויך ארויסהעלפן אים, אז דער מסחר זאל ברענגען רווחים, און גאר גרויסע רווחים, ביז אין אן אופן אז ס׳זאל זיין די אמת׳ע "דעוועלאפמענט", אין דער פולסטער מאס,

און דאס זאל מכריע-זיין, אז דער גאנצער מסחר באקומט דערנאך די אויסצייכענונג, אז ער האט א "פרייז" אדער א "מעדאל" וכיוצא-בזה, וואס ווערט געדרוקט און מפורסם, אז מ׳זאל וויסן-זיין אז דער און דער האט געהאט אן ענין פון הכנסה והוצאה, און האט געפירט דעם מסחר אין אזא אופן, אז ער האט אויסגענוצט די אלע ערשיינונגען מיט די אלע ערפינדונגען וואס זיינען געוועזן ארום אים, אפילו לכאורה בא


© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקהל-פקודי

די וואס זיי זיינען זיינע קאנקורענטן - האט ער זיך מיט זיי צוזאמען-גערעדט און האט אויך אויסגענוצט זייערע מעגלעכקייטן צו דער ענטוויקלונג פון זיין פערזענלעכן געשעפט,

און דערנאך מאכט ער פון זיין פערזענלעכן געשעפט – אז דאס זאל זיין א תועלת – א נוצן – פאר דעם גאנצן ארום, אנהויבנדיק פון זיין "בראנזשע", און דערנאך ארום זיך, אלע איבעריקע מסחרים, ביז אין דער וועלט בכלל,

אויף מפיץ-זיין "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום"[1], די אלע הוראות און די אלע אנווייזונגען פון תורה,

אנהויבנדיק פון לימוד התורה און קיום מצוותיה, דורך געבן דעם ריכטיקן חינוך צו יעדער אידישן קינד,

און אויך דעם ריכטיקן חינוך צו אלע קינדער, בנוגע צו שבע מצוות בני נח:

אפילו די וואס געהערן ניט צו דעם אידישן פאלק – האבן זיי דאך אויך אנווייזונגען פון דעם אויבערשטן ווי אזוי מ'דארף פארשפרייטן דעם ענין פון ניט (נעמען) צונעמען ביי א צווייטן, ואדרבא – געבן צדקה דעם צווייטן,

און ווי דערמאנט מערערע מאל, אז צדקה און די שבע מצוות בני-נח איז מחוייב די גאנצע וועלט,

און אידן האבן די שליחות מיוחדה, און ווי דערמאנט מערער מאל: ס'איז ניט אן ענין פון "שאוועניזם" חס-ושלום, נאר זיי האבן אויף זיך א שווערע ארבעט, אויף ארבעטן אין דער גאנצער וועלט, אז אומעטום זאל דערגרייכן די שליחות פון תורה, צו יעדער מענטשן און צו אלע מענטשן, ביז צו דעם גאנצן ארום,

אז מ'זאל וויסן זיין, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן, וואס ער איז דער מקור פון נועם און פון שלום, און זיין תורה איז "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום".

— • —

[1]) משלי ג' יז.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.